# מיט א טיפערן בליק

## פרשת כי תצא תשפ"ד

## דו ביסט נשפע געווארן!

בס"ד

א גוטן טייערע חברים וידידים..!

מיר גייען שוין אריין טיפער אין חודש אלול, און מיר שטייען שוין אצינד אין פרשת כי תצא, וואו די תורה הקדושה רעדט וועגן מלחמה האלטן, כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ, אז דו וועסט ארויסגיין אין א מלחמה קעגן דיין פיינט, און דער אייבישטער וועט זיי איבערגעבן אין דיינע הענט.

ווי באקאנט שטייט אין אלע **ספרים הקדושים** אז דאס גייט ארויף אויפן ענין פון מלחמת היצר. און ווי מיר האבן שוין דערמאנט פון **הרה"ק דער רבי רבי בונם פון פרשסיחא זי"ע** (יארצייט י"ב אלול) אז אין די אמאליגע צייטן ווען כלל ישראל האט נאך געפירט מלחמות, דעמאלטס האבן די אלע פסוקים פון די תורה טאקע באדייט אויף די 'עכטע' מלחמות וואס מ'האט געהאלטן, און די 'מלחמת היצר' איז נאר געווען מרומז אין די פסוקים בדרך רמז. היינט אבער ווען מיר האבן שוין נישט יענע סארטן מלחמות, עס זענען שוין נישט דא ביי אונז קיין מלחמת מצוה אדער מלחמת הרשות, קומט אויס אז די 'מלחמת היצר' דאס איז געווארן פשוט פשט אין פסוק, עס איז נישט בלויז א רמז, נאר די רעדט צו אונז וועגן אט די מלחמה, ווייל די תורה הקדושה איז נצחיות און גייט אָן אין יעדן דור און אין יעדן מצב.

לאמיר ווענדן אונזערע בליקן צו די סוף פון אונזער פרשה, ווי מיר ווייסן אז "נָעוּץ ספוה בתחילתה" די סוף מיט די אנהייב פון א זאך האבן א שייכות. דארט געפונען מיר די באקאנטע פסוקים פון זכירת מעשי עמלק, א מצוה וואס מיר האבן צו געדענקן שטענדיג און מיר טארן דאס נישט פארגעסן, זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, מיר זאלן געדענקן וואס עמלק האט געטוהן צו אונז אויפן וועג ווען מיר זענען ארויס פון מצרים, אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ, וואס ער האט 'קאלט' געמאכט און אריינגעברענגט א קרירות אין די וועלט קעגן אידישע קינדער.

ווי **רש"י הק'** ברענגט איינס פון די פשטים אויף די ווערטער אֲשֶׁר קָרְךָ, און די מקור איז אין **מדרש**, "לשון קור וחום, צִנֶּנְךָ וְהִפְשִׁירְךָ מֵרְתִיחָתְךָ, שהיו כל האומות יראים להלחם בכם ובא זה והתחיל והראה מקום לאחרים". עמלק האט אפגעקילט און געמאכט ווארים א זאך וואס איז געווען בריעדיג הייס, דהיינו, די גאנצע וועלט האט דעמאלטס מורא געהאט און געציטערט פון כלל ישראל מיטהאלטענדיג די גרויסע נסים וואס האט פאסירט צו זיי ביים ארויסגיין פון מצרים, און קיינער האט זיך נישט געוואגט צו קומען מלחמה האלטן מיט די אידן, איז געקומען עמלק און יא מלחמה געהאלטן, און דערמיט אפגעקילט די פחד וואס די וועלט האט געהאט.

רש"י לייגט צו א משל פונעם מדרש, "משל לאמבטי רותחת שאין כל בריה יכולה לירד בתוכה, בא בן בליעל אחד קפץ וירד לתוכה, **אף על פי שנכוה,** הֵקֵרָהּ אותה בפני אחרים", דאס איז א משל צו א הייסע וואַנע וואס קיינער קען נישט אריינגיין דערין צוליב די גרויסע היץ, ביז עס קומט איין ווילדער מענטש און ער שפרינגט אריין, טראצדעם וואס ער ווערט טאקע אפגעבריט, אבער די פאקט איז אז למעשה האט ער דאס קאלט געמאכט אין די אויגן פון מענטשן. אנדערע וועלן באקומען די קורזאש און די שטארקייט צו קענען אריינגיין, וויבאלד איינער האט שוין אדורכגעבראכן די שרעק און געוויזן דעם וועג. און געגוי די זעלבע איז געווען די עוולה פון עמלק, כאטש די אידן האבן טאקע מלחמה געהאלטן אויף צוריק און מנצח געווען עמלק, אבער זיי האבן געעפנט די פתח פאר אנדערע.

#### די משל איז אסאך שווערער ווי די נמשל...

לכאורה דארף מען פארשטיין, וואס ווילן חכמינו ז"ל ארויסברענגען מיט'ן משל פון די 'אמבטי רותחת' וואס ווערט דא דערמאנט. בדרך כלל ווייסן מיר אז א משל קומט מסביר זיין דעם נמשל, די מטרה דערפון איז צו ברענגען נענטער צו אונזער שכל די מושג פונעם נמשל וועלכע איז נישט אזוי פארשטענדליך פון זיך אליין. אבער דא קען מען פרעגן לויט ווי פאר אונזערע אויגן דאכט זיך אז די משל מאכט נאר שווערער... דאס הייסט, יעדער איינער פארשטייט גאנץ גוט וואס דער ענין פון 'אשר קרך' באדייט, ווען ס'הערשט א מצב פון ערנסטקייט אדער מורא, און ס'קומט איינער און דערוואגט זיך אדורכצוברעכן דעם מויער, ער ווייזט אז ער האט פון גארנישט מורא, ברענגט דאס אריין א קרירות אין די גאנצע זאך. דאס איז מעשים בכל יום וואס מיר קענען אלע מֵעִיד זיין דערויף.

קומט אבער די משל און לייגט צו אז אפילו ווען ס'איז פארהאן א אמבטי רותחת, א גאר הייסע באָד אין וואס מ'קען נישט אריינגיין, און דער וואס גייט אריין ווערט אפגעבריט, ער ליידט שרעקליכע יסורים און וואונדן, דאס ברענגט אויך א קרירות ביי אנדערע. אין דעם קען מען דאָך שוין אריינקלערן, און ס'איז אויך אביסל שווערער צו באגרייפן. ווייל ווען מען זעהט פאר די אויגן ווי דער ערשטער האט שלעכט אפגעשניטן, אויב עפעס דינט עס אלס א צייכן און א ווארענונג פאר אלע ארומיגע צו שטיין ווייט, און עס מאכט גאר אז קיינער זאלן נישט ווען אריינגיין און זיין דער נעקסטער אויסצוקוקן אזוי.

אויב אזוי וואס איז די כוונה און באדייט פונעם משל? איבערהויפט ווען ס'איז נאך שווערער צו פארשטיין און משיג זיין ווי דער נמשל זעלבסט.

#### שבת איז ווי א גלעזל ווייִן און עמלק איז ווי עסיג

אויך איז פארהאן אן אינטערסאנטע **מדרש** וואס ווערט געברענגט אין **פרקי דרבי אליעזר** און אין **ילקוט שמעוני**, אז ווען משה רבינו האט באפוילן פאר כלל ישראל די מצוה פון זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, און זיי האבן

שוין געהאט פון פריער נאך א חיוב פון זכירה, "זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ", האבן די אידן געפרעגט פון משה רבינו "היאך יתקיימו שניהם, זה זכור וזה זכור", וויאזוי שטימען די צוויי זאכן, וויאזוי איז שייך צו זאגן 'זכור' אויף צוויי גאנץ אנדערע און פארקערטע סארטן זכירות אינאיינעם? "אמר להם לא דומה כוס של קונדיטון לכוס של חומץ, זה כוס וזה כוס, זה זכור לשמור ולקדש את יום השבת, וזה זכור להשמיד ולהכרית את כל זרעו של עמלק", משה רבינו ענטפערט זיי אז די צוויי זכור'ס זענען אזיווי צוויי גלעזלעך, נאר איינס איז ווי א גלעזל גוטע וויין - וואס איז מרמז אויפן מצוה פון זכור את יום השבת לקדשו, און דערנאך איז דא א צווייטע גלעזל פון חומץ, ביטערע עסיג, וואס דאס איז די מצוה פון תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם לֹא תִּשְׁכָּח.

וואס יעדער פארשטייט אליינס אז דאס איז א מדרש פליאה, וואס באדייט די שאלה און תשובה וואס די מדרש לערנט אונז? וואס איז די שייכות אדער סתירה צווישן די צוויי זכירות? און נאך שווערער, אויך דא וואס איז די כוונה פונעם משל וואס דער מדרש ברענגט?

**א מענטש ווערט נמשך נאך זיין סביבה**

עס איז באקאנט וואס דער **רמב"ם** שרייבט (הל' דעות פ"ו ה"א) "דרך ברייתו של אדם להיות נמשך בדעותיו ובמעשיו אחר רֵיעָיו וחביריו ונוהג כמנהג אנשי מדינתו, לפיכך צריך אדם להתחבר לצדיקים ולישב אצל החכמים תמיד כדי שילמוד ממעשיהם, ויתרחק מן הרשעים ההולכים בחשך כדי שלא ילמוד ממעשיהם... וכן אם היה במדינה שמנהגותיה רעים ואין אנשיה הולכים בדרך ישרה ילך למקום שאנשיה צדיקים ונוהגים בדרך טובים". די טבע פון א מענטש איז אז ער ווערט נאכגעשלעפט נאך זיינע פריינט און נאך זיין סביבה און ער פירט זיך אויף לויט זייערע מעשים, דעריבער דארף א מענטש זוכן אוועקצוגיין פון א נישט גוטע סביבה און זוכן צו וואוינען נאר צווישן ערליכע אידן און צדיקים וואס פירן זיך ווי עס דארף צו זיין. [און דער רמב"ם פירט דארט אויס אז אויב א מענטש האט נישט קיין ברירה, איז בעסער ער זאל וואוינען אליינס אין א מדבר ווי איידער וואוינען אין די געגנטווארט פון שלעכטע מענטשן ווייל דאס וועט משפיע זיין אויף איהם].

ווי עס איז באקאנט פון **בעלי מוסר**, איז דאס א זאך וואס געשעט פון זיך אליינס, טראצדעם וואס דער מענטש וויל זיך נישט אפלערנען פון די ארומיגע, ער האט בכלל נישט קיין שלעכטע רצונות, אבער די עצם פאקט אז מען וואוינט צווישן רשעים איז גורם אז 'עס רייבט זיך אפ' אין איהם און עס לאזט איבער א רושם אויף זיין נפש.

בלויז א קליינע עפיזאד און א ביישפיל זיך איבערצוציינגן עַד היכן הדברים מגיעים: עס איז מיר אמאל אויסגעקומען צו שמועסן מיט א יונגערמאן, א חבר מיינע, און בתוך הדברים זאגט ער מיר מיט א זעלבסט זיכערקייט, "אין יענע געשעפט טרעט איך נישט אריין בשום אופן!", און איך פרעג איהם מיט וואונדער פארוואס?, איך האב בכלל נישט געוואוסט אז עפעס איז נישט גוט אדער נישט אויסגעהאלטן מיט יענעם געשעפט. זאגט מיר דער יונגערמאן מיט א פשטות, אז היות ער איז לעצטנס געווארן איינגעשטעלט אין א געוויסע פירמע, און זיין בעל הבית איז יארן צוריק געווען א שותף מיט'ן בעל הבית פונעם אויבנדערמאנטן געשעפט און זיי האבן זיך צוקריגט און רעדן נישט איינעם מיט'ן צווייטן, דערפאר טרעט ער נישט איבער יענעמ'ס שוועל...

איך שטיי און טראכט מיט ערשטוינונג און כ'דרוק אויס מיין וואונדער אויפן קול: וואס פאר א שייכות האסטו מיין פריינט מיט דיין בעל הבית'ס פערזענליכע אנגעלעגנהייטן? פארוואס קימערט דיר בכלל מיט וועמען דיין בעל הבית קריגט זיך און וואס האט דאס מיט דיין פערזענליכע לעבן? דו ווערסט דען באצאלט פארן זיין א פאטריאט פאר דיין בעל הבית גייענדיג אין זיינע וועגן?. מיין חבר האט אבער כמעט נישט פארשטאנען פארוואס עס וואונדערט מיר אזוי שטארק. ביי איהם איז עס געווען גאנץ פשוט אז ער איז א טייל פון א קאמפעני, ער באלאנגט אהין, און דעריבער טוט ער זאכן לויט ווי ער האט דארט געלערנט.

דאס איז בלויז איין קליינע דוגמא ווי שנעל און ווי גרינג מיר ווערן 'מיטגעכאפט' מיט אונזער סביבה, מיר ווערן נשפע פון די 'לופט' וואס הערשט ארום אונז און לויט דעם פירן מיר זיך, סיי אויב ס'האט פשט און אפילו אויב נישט.

**די עדים דארפן א תיקון אויף וואס זיי האבן צוגעזעהן**

אין פרשת שופטים (י"ז ז') שטייט אין די תורה, אויב עדים וועלן קומען אין בית דין אריין און דערציילן אז א איד האט געזינדיגט במזיד און עס קומט זיך איהם א עונש פון סקילה, "יַד הָעֵדִים תִּהְיֶה בּוֹ בָרִאשֹׁנָה לַהֲמִיתוֹ" די הענט פון די עדים דארפן זיין די ערשטע איהם צו באשטראפן, זיי האבן אנגעהויבן איהם צו באשטיינערן, און נאכדעם האבן אנדערע מענטשן ממשיך געווען צוווארפן שטיינער אויפן רשע ביז ער איז געשטארבן.

עס ווערט געברענגט בשם די **קדמונים** א דבר נפלא מאוד, פארוואס האט די תורה הקדושה מקפיד געווען אז דווקא די עדים זאלן נעמען אנטייל אין שפיץ פון די וואס זענען מעניש דעם נידון. לכאורה האבן זיי דאָך שוין געטוהן זייער חלק אין די מצוה פון "וּבִעַרְתָּ הָרָע מִקִּרְבֶּךָ" דורכדעם וואס זיי זענען געקומען און עדות געזאגט קעגן איהם, אצינד וואלט מען געדארפט מכבד זיין אנדערע מענטשן מעניש צו זיין דעם רשע.

**נאר דער תירוץ איז, וויבאלד די עדים האבן צוגעזעהן ווי א איד טוט אן עבירה, האט דאס זיכער געלאזט עפעס א רושם אויף זייער נפש, עס האט א טראפ אפגעקילט זייער מורא פון אן עבירה, און דערפאר דארפן זיי אליינס אויך האבן א תיקון!** זיי מוזן אנטייל נעמען און זיין דערביי בשעת מ'גיבט סקילה פארן נידון, זיי מוזן דאס מיטהאלטן, טוהן, און צוקוקן מיט זייערע אויגן, כדי צוריק צו ברענגען זייער יראת שמים און יראת חטא צו די דרגא וואו עס איז געווען איידער זיי האבן געזעהן מיט זייערע אויגן ווי א איד איז מזלזל אין א זאך וואס שטייט אין די תורה.

נורא נוראות! מ'רעדט דאָך דא פון גאר ערליכע און דערהויבענע מענטשן, די עדים האבן געשריגן אויפן בעל עבירה און מוחה געווען ווען ער האט

געזינדיגט, אזוויו דער דין איז אז עדים קענען נאר מחייב זיין א מענטש אויב זיי האבן איהם אנגעווארנט און געגעבן 'התראה' בשעת מעשה אז מ'גייט איהם הארגענען דערפאר. אזוי אויך האבן זיי גענומען די מיה און געקומען אין בית דין כדי צו דערציילן די עבירה מיט אלע פרטים און דקדוקים, און ווי חז"ל זאגן אז בית דין פלעגט פרעגן און אויספארשן די עדים מיט פילע דרישות וחקירות צו מאכן זיכער אז אלעס שטימט הונדערט פראצענט. קומט אויס אז זיי האבן ממש געהאט מסירות נפש כדי צו טוהן דעם רצון ה' און אדורכגעגאנגען אזויפיל מאטערניש און פלאג אלעס כדי צו טוהן וואס איז ריכטיג, און דאָך זאגט מען אז זיי דארפן א תיקון כדי חלילה נישט צו ווערן נשפע פון וואס זייערע אויגן האבן געזעהן.

לערנען מיר זיך אפ פון דעם, אז די השפעה וואס א סביבה לאזט איבער אויף א מענטש, נישט נאר עס געשעט פון זיך אליינס און אָן זיין וויסן ווי פריער דערמאנט, **נאר עס געשעט אפילו קעגן זיין ווילן!** דער מענטש קען שרייען און מוחה זיין, ער קען עס אוועקמאכן און מבטל זיין, אבער טיף טיף אינעווייניג כאפט זיך אריין א קליינע ווערימל פון קרירות, ער איז געווארן א משהו אפגעקילט, ער איז שוין נישט דער זעלבער ווי אמאל!

### אפילו ווען מ'לאכט עס אפ און מ'ווערט נישט נתפעל

אט דאס איז דער ענין וואס חכמינו ז"ל לערנען אונז מיט'ן משל פון די אמבטי רותחת. ווען מיר לערנען די מעשה פון עמלק, קענען מיר קלערן צו זיך אז דער 'אשר קרך' איז נאר אויף געוויסע אופנים און געציילטע פעלער ווען מ'קען אריינברענגען אין אונז א קרירות, אבער אויב מיר וועלן זיך האלטן שטארק וועלן מיר נישט אפגעקילט ווערן. זאגן חז"ל, ניין, אפילו ווען עס איז דא א הייסע וואַנע וואס קיינער קען נישט אריינגיין דערין צוליב די היץ, יעדער זעהט עס און שפירט עס, און קיין איין נארמאלע מענטש וועט אפילו נישט קלערן פון אריינגיין. אבער ווען עס קומט צו גיין דער איין בן בליעל וואס שפרינגט אריין, ער קען אפילו ליידן געפערליכע בריען און וואונדן, ער איז געשטראפט געווארן אויפן פלאץ און ווארפט זיך פאר יסורים, ווער זאל איהם דען וועלן נאָכמאַכן? דאָך זאלן מיר וויסן די שעדליכקייט פון קרירות, אז עס פאסירט אפילו אין אזא פאל אויך! אשר קרך איז א פאקט וואס געשעט פון זיך אליינס ווען מ'זעהט א נישט גוטע זאך, אדער ווען מ'געפונט זיך אין א נישט גוטע סביבה ח"ו, און קיין שום זאך קען עס אפהאלטן.

כלפי מה דברים אמורים? וויפיל מאל געפונען מיר זיך אין א סביבה וואס איז באמת נישט פאסיג פאר אונז אדער פאר די חינוך פון אונזערע קינדער, אבער מען רעדט זיך איין אז "איך לאַז דאָך דערפון" אדער אז "מיינע קינדער הערן ווי איך מאך עס אוועק" און מען פארלאזט זיך אז מיט דעם האט מען יוצא געווען און פארמיטן אז עס זאל קענען לאזן א רושם אויף אונז אדער אויף די קינדער. אבער וויסן זאל מען אז דאס איז נישט אמת! קרירות כאפט זיך אריין אטעמאטיש, עס קומט אריין פון א אונטער-טירל, אפילו מען שטייט און מען לאכט און מ'טרייבט ליצנות פון די נישט אויסגעהאלטענע התנהגות פון געוויסע מענטשן, אפילו מ'האלט נישט מיט אדער מ'איז מוחה, עס העלפט נישט. איינמאל די אויגן זעען ווי דער בן בליעל האט געטוהן אן עַולה, "אף על פי שנכוה, הקרה אותה בפני אחרים!", ער קען זיך אפבריען פון היינט ביז מארגן, אבער די רושם האט ער שוין איינגעקריצט.

### עמלק איז ווי באהאלטענע חומץ וואס כאפט זיך אריין

דערמיט קומען מיר צוריק צו די ווערטער פונעם מדרש אז די אידן האבן געוואלט פארשטיין וויאזוי קענען זיין די צוויי אנדערע סארט זכירות פון זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ און זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק. בדרך רמז קען מען ערקלערן אז די אידן האבן געמיינט צו פרעגן, מילא די זכירה פון שבת דאס איז פארשטענדליך וואס עס פאָדערט זיך פון אונז, מיר האבן א מצוה פון שבת יעדע איינציגסטע וואך, און שוין פון אנהייב וואך דארף א איד אינזין האבן און געדענקן דעם שבת, מען דארף זיך שטענדיג גרייטן צום שבת און אפרעכטן דעם שבת ווי עס דארף צו זיין. אבער זכירת מעשה עמלק, ווען איז דאס נוגע למעשה? ווי מיר ווייסן איז דא א חיוב צו ליינען איין מאל דורכאויס דעם יאר די פרשה פון עמלק, שבת זכור, און מיט דעם איז מען יוצא, אויב אזוי וואס באדייט דער ענין פון זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, און וואס פאר א שייכות האט עס מיט אונז און מיט וואס איז עס בכלל דומה צום אנדערן זכור - זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ.

ענטפערט משה רבינו, יא זכירת שבת איז טאקע ווי א גוטע גלעזל וויין, דאס איז א זאך וואס מ'זעהט און מען שפירט און מ'דארף קיינעם נישט מסביר זיין די גוטע טעם דערפון. דער מענטש אנערקענט עס און האלט עס פאר די אויגן אלעמאל. אבער וויסן זאלט איר אז עס איז פונקט אזוי פארהאן 'חומץ' וואס ווי באקאנט איז זויערע עסיג נישט א זאך וואס א מענטש וועט טרינקן פאר זיך, עס איז נישט עפעס וואס מ'האט ליב און מ'באנוצט זיך מיט אסאך דערפון. אבער חומץ איז יא א 'באהאלטענע טייל' פון פארשידענע מאכלים און משקאות וואס דער מענטש עסט און טרינקט, מ'באנוצט זיך מיט אביסל חומץ דא און דארט ביים קאכן און ביים מאכן עסנווארג, מען מישט אריין אביסל מיט א מאָס כדי צו געבן דעם ריכטיגן טעם.

יעצט, ווען דער מענטש האט ליגן פאר זיך דעם פאַרטיגן מאכל זעהט ער טאקע נישט די ממשות פון חומץ מיט זיינע אויגן, עס איז פארהוילן פאר איהם. אבער די מציאות איז אז די חומץ איז פארהאן, עס איז דארט און עס גיבט אריין א טעם אין זיין מאכל, סיי אויב ער זעהט און סיי אויב ער זעהט נישט.

און דאס איז די חיוב פון זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ, **געדענק די שעדליכקייט פון עמלק און פונעם אשר קרך, לעב מיט די ידיעה אז די קליפה פון עמלק און קרירות ארבעט פונקט ווי חומץ, עס כאפט זיך אריין אזוי שטילערהייט, און אפילו עס ליגט נישט פאר די אויגן, איז עס אלעמאל דא.** וויפיל דער מענטש רעדט זיך איין 'איך ווער נישט נשפע' אדער אז 'איך וועל מיך האלטן פעסט' זאל ער וויסן אז דאס איז נישט קיין אפענע גלעזל וויין וואס מ'קען באשליסן אויב מ'גייט עס אויסטרינקן אדער

נישט, נאר דאס איז ווי חומץ וואס כאפט זיך אריין טיף אינעווייניג אנדעם וואס מ'זאל עס בכלל באמערקן...

### די עבודה פון חודש אלול מתקן צו זיין די קרירות

דער ענין איז אויך מרומז אין די אנהייב פון אונזער פרשה וואס האט א שייכות מיט'ן סוף פרשה ווי געזאגט. די תורה הקדושה רעדט פון ארויסגיין אין מלחמה קעגן דעם יצר הרע, וואס דאס איז די עבודה פון א איד אין די יעצטיגע טעג פון חודש אלול, א זמן פון חשבון הנפש און תשובה ותיקון המעשים.

זאגט אונז די תורה, יעצט איז די צייט איינצונעמען דעם יצר הרע אינגאנצן, און מתקן צו זיין די אלע 'אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ' וואס מיר האבן זיך אנגעזאמלט במשך דעם יאר. וויפיל קרירות האבן מיר ליידער אומווילנדיג איינגעזאפט אין זיך, וויפיל זאכן האבן מיר געזעהן אדער געהערט וואס האט געלאזט א רושם אויף אונזער נפש, וויפיל נקודות האבן זיך אנגעקלעבט אין אונז דורכ'ן פארברענגען אין א שוואכע סביבה וכדומה. און ווען עס קומט חודש אלול ווען דער מענטש קומט זיך אויסרייניגן פארן אייבישטער, איז די צייט מתקן צו זיין דאס אלעס, צוריק אריינברענגען אין זיך א שטארקע יראת שמים און יראת חטא.

אין **ספרים הקדושים** איז מבואר אז "כִּי תֵצֵא" לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ, איז מרמז אויף א העכערע סארט עבודה, ווייל כי תצא איז טייטש אז דער איד וואַרט נישט אויפן שונא זאל קומען צו איהם מלחמה האלטן, נאר ער 'גייט ארויס' און ער איז מקדים דעם שונא, ער שטרענגט זיך אָן און גייט אנטקעגן דעם שונא מלחמה צו האלטן מיט איהם און איהם אונטערברענגען אינגאנצן. אין אנדערע ווערטער, אונזער עבודה אין די יעצטיגע טעג איז נישט בלויז מלחמה צו האלטן מיט'ן יצר הרע אויף די גרויסע און אפענע עבירות, נאר יעצט דארפן מיר זיין אין א מצב פון 'כִּי תֵצֵא' לַמִּלְחָמָה, אינאנצן ארויסצוגיין און איינצונעמען דעם יצר הרע אדורך און אדורך ביז'ן לעצטן פרט. לוחם זיין מיט יעדע קליינינקייט און יעדע ביסל השפעה וואס ער האט איבערגעלאזט אויף אונז.

### די עבודה פון תיקון המידות והדיעות

ווי דער **רמב"ם** זאגט אין **הלכות תשובה** (פ"ז ה"ג) "אל תאמר שאין תשובה אלא מעבירות שיש בהן מעשה כגון זנות וגזל וגניבה, אלא כשם שצריך אדם לשוב מאלו כך הוא צריך לחפש בדֵעות רעות שיש לו ולשוב מן הכעס ומן האיבה ומן הקנאה ומן הַהִתּוּל ומרדיפת הממון והכבוד ומרדיפת המאכלות וכיוצא בהן, מן הכל צריך לחזור בתשובה", א מענטש זאל נישט מיינען אז מ'דארף נאר תשובה טוהן פון עבירות במעשה, נאר פונקט ווי א מענטש איז מחוייב תשובה צו טוהן פון עבירות, דארף ער אויך מאכן א חשבון הנפש און אדורכקוקן זיינע דֵיעות, השקפות, און מידות, און תשובה טוהן אויף די שלעכטע חלקים וואס ער פארמאגט אין זיך, ווי למשל כעס, שנאה און קנאה, ליצנות, נאכלויפן געלט אדער כבוד, און אזוי ווייטער.

און דער רמב"ם פירט אויס מיט מורא'דיגע ווערטער: **"ואלו העוונות קשים מאותן שיש בהן מעשה, שבזמן שאדם נשקע באלו קשה הוא לפרוש מהם"**, אז די שלעכטע מידות און דיעות וואס א מענטש האט אין זיך, זענען נאך ערגער ווי אן עבירה וואס מ'טוט במעשה, ווייל פון א עבירה קען מען גרינגערהייט תשובה טוהן, דאגעגן פון שלעכטע מידות און געוואוינהייטן וואס ווערן איינגעווארצלט טיף אינעם נפש, איז שווער זיך אפצוגעוואוינען רח"ל.

לערנט אונז דער רמב"ם אז די עבודה פון תשובה איז נישט בלויז אויף 'גראבע עבירות' וואס א מענטש האט געזינדיגט, נאר אויף די גאנצע מהות פונעם מענטש, זיינע מידות און זיינע נאטורן, אין דאס אלעס דארף זיך דער מענטש מתבונן זיין און אומקוקן און מתקן זיין זיינע וועגן, און אויסרייניגן די אלע שלעכטע געוויקסן וואס ליגן איינגעווארצלט אין איהם.

און ווי די תורה הקדושה איז אונז מגלה סוף סדרה, אז אין דעם ליגט די עיקר נקודת המלחמה, זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ, פארגעס נישט פון די קרירות וואס עמלק לייגט אריין אין אונז. די שעדליכע קאלטקייט מיט וואס מ'קען נשפע ווערן אזוי שטילערהייט און אומבאמערקט. יעצט איז די צייט צו מאכן דעם כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ, אינגאנצן ארויסגיין קעגן דעם יצר הרע און פראבירן אויסצורייסן פון זיך אונזערע נישט גוטע דיעות און השקפות און יעדע ברעקל קרירות, זיך צוריק אריינברענגען אינעם תָּמִים תִּהְיֶה עִם ה' אֱלֹקֶיךָ, צו ווערן נענטער צו השי"ת און טוהן זיין רצון.

און מידה טובה מרובה, ווי מיר האבן פריער געברענגט פונעם רמב"ם אז ווען מ'וואוינט צווישן ערליכע אידן און צדיקים מאכט עס א גוטע רושם אויפן מענטש. אויב א איד זוכט זיך צו פארבעסערן און צו כאפן התפעלות פון גוטע זאכן, איז זיכער אז ס'וועט זיך אנקלעבן אויף איהם און מאכן א רושם לטובה. און ווען א איד וויל באמת, און ער ארבעט אויף זיך און איז מתפלל אויף דעם, איז מען זוכה צו "וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ" אז דער אייבישטער העלפט טאקע מנצח זיין דעם יצר הרע זיך צו קענען ארויסזעהן פון זיין קרירות און זיינע שלעכטע השפעות, און אנהייבן מיט א נייע התחדשות און התקרבות צו השי"ת, אמן כן יהי רצון.

לסיכום געדענק:

- א מענטש ווערט נשפע פון זיין סביבה, און דאס א זאך וואס געשעט פון זיך אליינס, אפילו ווען ער וויל זיך נישט אפלערנען פון די ארומיגע, רייבט זיך עס אפ אין איהם.
- אפילו ווען א מענטש לאכט אפ אדער מאכט אוועק שלעכטע מעשים, דאָך ווערט ער נשפע דערפון, עס כאפט זיך אריין א קרירות.
- די עבודת התשובה אין חודש אלול דארף זיין מתקן צו זיין און זיך דערווייטערן פון די קרירות וואס מיר האבן זיך אנגעזאפט.

## א לעבטיגע שבת קודש!

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק"
דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com